און עס קען נאָך זײַן, אַז עס װעט אַװעקגענומען
װערן די מאַיעסטעט פֿון איר, װעמען גאַנץ (קלײן)
28 אַזיען און די באַװױנטע װעלט דינט. און װי זײ
האָבן דאָס געהערט, זענען זײ געװאָרן פֿול מיט
צאָרן, און האָבן געשריגן, אַזױ צו זאָגן: גרױס איז
29 די אַרטעמיס פֿון די עפֿעזער! און די שטאָט איז
פֿול געװאָרן פֿון דער מהומה; און אַלע צוזאַמען
האָבן געשטורמט צום טעאַטער, מיטשלעפּנדיק
גאַיוסן און אַריסטאַרכוסן, מאַצעדאָניער, פּױלוסעס
30 באַגלײטער אױף דער נסיעה. װי אָבער פּױלוס
האָט געװאָלט אַרײַנגײן צװישן דעם פֿאָלק, האָבן
31 די תּלמידים אים נישט געלאָזט. און אױך אײניקע
פֿון די הױכע באַאַמטע פֿון (קלײן) אַזיען, זײַענדיק
זײַנע פֿרײַנט, האָבן געשיקט צו אים, און געבעטן
ער זאָל זיך נישט אײַנשטעלן צו קומען אין טעאַטער
32 אַרײַן. און זײ האָבן געשריגן, אַ טײל אײן זאַך,
אַנדערע עפּעס אַנדערש; װאָרום די פֿאַרזאַמלונג
איז געװען צעטומלט; און די מערסטע האָבן נישט
געװוּסט, צוליב װעלכן זײ זענען זיך צוזאַמענגע־
33 געקומען. און פֿון דעם המון האָט מען אַרױס־
געשלעפּט אַלעקסאַנדערן, װעמען די ייִדן האָבן
געשטופּט פֿאָרױס. און אַלעקסאַנדער האָט געמאַכט
אַ צײכן מיט דער האַנט, און געװאָלט האַלטן אַ
34 פֿאַרטײדיקונג רעדע פֿאַרן פֿאָלק. דערװיסנדיק זיך
אָבער, אַז ער איז אַ ייִד, האָבן אַלע געשריגן מיט אײן
קול במשך פֿון כּמעט צװײ שעה: גרױס איז אַרט־
35 עמיס (די־געטין) פֿון די עפֿעזער! און דער שטאָט־
שרײַבער, באַרואיקנדיק דעם המון מענטשן, האָט
געזאָגט: אַ מענער פֿון עפֿעזוס, צי געפֿינט זיך
דען עמיצער צװישן מענטשן, װאָס װײסט נישט,
אַז די שטאָט פֿון די עפֿעזער איז די טעמפּל־היטערין